# שידת המלאכים

## מאת שיעורי הרה"ג ר' אברהם מרדכי מלאך שליט"א

מיר זענען יעצט אריינגעגאנגען אין די ימי בין המצרים, די דריי וואכן, און מיר זיצן דא אינדרויסן אין א וועלדעלע, ממילא פאסט דאך אנצוהייבן אונזער שיעור מיט דעם ניגון פון הייליגן קאלוב'ער: "וואלד וואלד וואו גרויס ביסטו, רויז רויז וואו ווייט ביסטו, וואלט די וואלד קלענער געווען, וואלט די רויז נענטער געווען. גלות גלות וואו גרויס ביסטו, שכינה הקדושה וואו ווייט ביסטו, וואלט די גלות קלענער געווען, וואלט די שכינה הקדושה נענטער געווען".

### א חילוק צווישן פנחס אינדערהיים און פנחס אין דער פרעמד

**ס'איז** באקאנט וואס מ'פארציילט פון הייליגן **בעל הפלאה ופנים יפות - ר"ר פנחס'ל**, דער ברודער פון הייליגן ר"ר שמעלקא, ער איז געווען רב אין פראנקפורט, און איז געווען ארומגענומען מיט אסאך מתנגדים און איז געווען כמעט אינגאנצן אפגעפרעגט. איינמאל ווען ר"ר פנחס'ל איז געקומען צו פארן קיין פוילן צו ווילן אויף א שבת מיט זיינע חסידים, האט מען אים אויפגענומען מיט א מורא'דיגע כבוד מלכים.

**האט** מען אים געפרעגט: וויאזוי קען זיין אזא זאך אז ביי אים אינדערהיים האט ער כמעט נישט קיין חסידים, און ווען ער פארט ערגעץ אין די פרעמד, דארט איז ער א גאנצע זאך?

**האט** ער געענטפערט: ווייל איך הייס דאך 'פנחס', ס'איז דא א חילוק צווישן פנחס אינדערהיים, און פנחס אין די פרעמד.

**פרשת** פנחס ווען ס'איז אינדערהיים, קומט עס אויס אין די טעג פון בין המצרים, גאנץ שוואכע טעג, דעמאלס ליינט מען פרשת פנחס. אבער ווען פנחס קומט אלס גאסט דעמאלס קומט ער צו אלע ימים טובים, יעדן יום טוב ליינט מען פרשת פנחס, סיי די שלש רגלים, סיי ימים נוראים, ס'איז דא א חילוק צווישן פנחס אינדערהיים, אדער פנחס אין די פרעמד[א].

◆ היינו דאמרי אינשי ◆

**א.** אין די שטאט פראנקפורט איז געווען א חזן, דער חזן איז קיין גרויסער מר בר רב אשי נישט געווען, אבער ער האט געקענט שיין חזנ'צען - דאס אליין דארף מען דאך אויך האבן גרויס מזל אז א חזן זאל קענען זיין א גוטע חזן - און ער האט געוואלט אז מ'זאל אים העכערן די חודש'ליכע געהאלט, ער האט געוואלט באקומען געלט פונקט אזוי ווי דער רב. האט מען אים געזאגט ר' איד ווי שיין דו דאווענסט, אבער קיין רב ביסטו נישט, דו קענסט נישט מאכן די געלט וואס דער רב מאכט.

**זאגט** ער: וואס הייסט? פונקט אזוי ווי דער רב דינט די קהילה, דין איך אויך די קהילה... איז מען אריין צום הייליגן ר"ר פנחס'ל אליינס, און מ'פרעגט אים וואס זאל מען טוהן? האט דער רב גערופן דעם חזן און געזאגט: אנטשולדיגט, ס'איז דא א חז"ל אז מ'קען דיר נישט העכערן די געהאלט, פארוואס? ווייל חז"ל זאגן עושה מעשה זמרי ומבקש שכר כפנחס, דו ביסט א עושה מעשה זמר"י, סך הכל זינגסטו זמירות, און דו ווילסט האבן די געלט וואס פנח"ס באקומט? דאס קען נישט גיין...

*

## הלבנת פנים

**מיר** געפינען זיך יעצט אין די דריי וואכן וואס מ'דארף אביסל מער עוסק זיין אין די ענין פון בין אדם לחבירו, איז דא די נושא פון הלבנת פנים, מלבין פני חבירו, און ס'איז דא אסאך וואס ווען זיי הערן איבער דעם ענין זאגן זיי 'אוי געוואלד'! דו נעמסט אונז יעצט צוריק צו כיתה ז' כיתה ח'? מיר גייען רעדן די קינדערישע סארט דרשות וועגן מלבין פני חברים ברבים?

**איז** אזוי, צוויי זאכן, טאקע ווייל מיר האבן שוין נישט גערעדט פון דעם זייט כיתה ז' כיתה ח', איז אפשר טאקע כדאי יא צו רעדן וועגן דעם נאכאמאל, און צווייטנס אונז וועל מיר רעדן אביסל אויף א אנדערע גאנג וויאזוי מ'רעדט בדרך כלל פון דעם ענין.

**איך** וועל מסביר זיין וואס איך מיין, בדרך כלל ווען מ'רעדט פון בין אדם לחבירו, רעדט מען מער צום רגש ווי צום שכל, מ'רעדט מער די חלק הרגש, מלבין פני חבירו איז א געפערליכע זאך! און וויאזוי מעג מען טשעפען א צווייטן? און די ערגסטע זאכן געשעהען ווען מ'איז מלבין פני חבירו ברבים! - מענטשן האבן נישט אזוי ליב צו הערן די סארט דרשות, טוה מיר א טובה זיי מיר נישט מעורר דעם רגש, מאך מיר נישט וויינען.

**אבער** מיר ווען פרובירן אביסל צו פארשטיין געבן די סוגיא פון 'הלבנת פנים', און בעיקר וואס פאר א שייכות האט דאס מיט פרשת פנחס. און אזוי אויך צו פארשטיין על פי שכל אביסל מער אדורכטוהן די עמקות פונעם ענין, וואס מיינט דאס המלבין פני חבירו ברבים, וואס איז די געוואלדיגע חומר פון מלבין פני חבירו ברבים, וואס איז די געוואלדיגע פלעק פון די זאך, לאמיר דאס מסביר זיין.

**קודם** וועלן מיר אנהייבן מיט די סדרה, פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן השיב את חמתי בקנאו את קנאתי בתוכם, לכן הנני נותן לו את בריתי שלום, אה, פנחס בן אלעזר האט זוכה געווען אז דער רבונו של עולם גיבט אים עפעס אזא מין גריס, ווי

---

### היינו דאמרי אינשי

**מ'פארציילט** א מעשה, אז א איד פלעגט אלעמאל זאגן אז ער איז א חזן, און ווען מ'האט אים געהייסן צוגיין צום עמוד, האט ער געזאגט ניין ניין, ער האט מורא, ער היט זיך אויפן קול, ער היט אויפן שטימע, יעדע מאל ווען ס'איז געקומען א יו"ט, א שיינע שבת, האט מען אים געמוטשעט גיי צו צום עמוד. ניין ניין, ער היט אויף די שטימע, ער היט אויפן קול, פרעגט מען אים איין טאג, זאג נאר, דו דרייסט זיך שוין ארום צוואנציג יאר זאגענדיג אז דו ביסט א חזן, למעשה ביסטו נאך קיינמאל נישט צוגעגאנגען, אויף וועלכע קול היטסטו? זאגט ער, ס'איז דא א קול אין די גאס אז איך בין א חזן, איינמאל איך גיי צי צום עמוד פארליר איך דעם קול, קיינער וועט שוין נישט זאגן אז איך קען...

*

**מ'ווייסט** דאך אז ביי א שבת שבע ברכות קומען צו גיין געסט אין ביהמ"ד צום דאווענען, פארציילט מען אז אמאל איז געווען עפעס א פעטער פון חתן וואס איז געקומען אלס גאסט פון אויסלאנד, האט מען אים מכבד געווען ער זאל צוגיין צום עמוד, ער גייט צי צום עמוד, און דער האט נעבעך נישט געקענט בחייכון וביומיכון, ער הייבט זיך אן גארגלען, און דער עולם זעהט אז ס'איז צרות ווי א בארג, ס'איז ממש געפערליך, נמנו וגמרו אז מ'גייט אים אנכאפן און אוועקשיקן פון עמוד.

**מ'גייט** צי מ'וויל אים אנכאפן פונעם עמוד און אוועקריקן, זעט מען אז ער איז צוגעבינדן מיט א גארטל צום עמוד. ווען מ'ענדיגט דאווענען דארטן פרעגט אים איינער זאגט נאר דו ביסט א בעל רוח הקודש? פון וואו האסטו געוואוסט זיך צוצובינדן? זאגט ער דו מיינסט אז איך בין די ערשטע מאל א פעטער ביי א שמחה...?

דער **הייליגער קאצקער רבי** האט געזאגט אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו: 'משה' דו האסט דארט עפעס א שארפער יונגערמאן, שיק אים א גריס אין מיין נאמען! - אזוי האט דער קאצקער רבי ארויסגעברענגט די פרשה אין אייןווארט.

**אויף** די ווערטער 'לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום' זאגט דער מדרש 'בדין הוא שיטול שכרו', ס'קומט אים ער זאל באקומען זיין שכר. אלע פרעגן די קשיא וואס איז דער בדין הוא שיטול שכרו? ווער דארף דען נישט באקומען שכר? יעדער איד באקומט שכר! יעדער איד וואס טוט דעם רצון ה' איז זוכה צו שכר! וואס איז דער בדין הוא שיטול שכרו?

**יא,** ס'איז דא אסאך תירוצים אויף דעם, אבער לאמיר אנהייבן מיט איין תירוץ וואס דאס וועט אונז אריינפירן ווייטער דא אין דעם שיעור.

**דער דובנער מגיד** האט פארציילט, ס'איז געווען אמאל א גרויסער גביר, און דער גביר האט געדארפט האבן עפעס א ארבעטער א העלפער זאל אים צוהעלפן מיט די ארבעט, ער טרעפט עפעס א ארעם קינד, א פערצן פופצן יעריגער אינגל, און זאגט אים: דו וואלסט געוואלט באקומען עסן בחנם עדן טאג? זאגט ער אוודאי, עסן בחנם, טרינקען בחנם, א בעט בחנם, אוודאי. זאגט דער גביר, קום ארבעטן ביי מיר וועסטו באקומען אלעס.

**ער** נעמט אים אריין צו די ארבעט. און פארשטייט זיך אז ער האט אים נישט געצאלט, פארוואס דען יא? ער באקומט דאך אלעס בחנם סיי ווי סיי, ס'גייט אריבער א לאנגע צייט, ס'איז געווען פורים, ס'איז געווען א גרויסע סעודה ביים גביר אינדערהיים, ס'איז געווען ממש לעבעדיג, קיינער האט נישט געוואלט פארפעלן דארט קיין איין מינוט די פורים סעודה, מ'קען זיך פארשטעלן ווי לעבעדיג און ווי פרייליך ס'איז געווען דארטן. אינמיטן די פורים סעודה קלאפט אריין א סוחר, און דער סוחר וויל מאכן ביזנעס מיט דעם גביר.

**זאגט** אים דער גביר: טוה מיר א טובה היינט איז פורים, היינט מאכט מען נישט קיין ביזנעס, קום צוריק א צווייטן טאג.

**זאגט** ער אים: איך ווייס נישט צי איך וועל קענען צוריק קומען א צווייטן טאג, איך וועל דערווייל אויפזוכן א צווייטן גביר און מאכן ביזנעס מיט אים. זאגט אים דער גביר: ניין, דו וועסט קומען א צווייטן טאג.

**דערווייל** זאגט דער באדינער - דער בחור'ל - פארן גביר, איך וועל ארויסגיין צו אים, איך וועל האנדלען מיט אים. זאגט דער גביר, מ'האלט דאך אבער אינמיטן די פורים סעודה. זאגט דער בחור'ל: ס'איז גוט, איך וועל האנדלען מיט אים, און ער האט געמאכט מיט אים דעם גאנצען ביזנעס האנדל, און ער האט פארפאסט לכבוד דעם די גאנצע פורים סעודה.

**צומארגנס** שושן פורים רופט דער גביר אריין דעם באדינער, און ער זאגט אים: איך וויל דיר עפעס פרעגן וויפיל וואלסטו געוואלט באקומען געהאלט יעדן חודש?

**פרעגט** ער, געהאלט? איך ארבעט דען פאר געהאלט? איך באקום דאך בחנם עסן, טרינקען און שלאפן, וואס איז די פראבלעם? איך באקום דאך אלעס?

**זאגט** אים דער גביר, הער מיר אויס, ביז נעכטן האב איך געהאלטן אז דו ארבעטסט און דו באקומסט צו עסן, באקומסט צו טרינקען, אלעס איז גוט, ס'קומט דיר נישט קיין איבריגע געלט. נעכטן האסטו אבער געוויזן אז דו ביסט גרייט מוותר צו זיין אויף דיין סעודה כדי

מיר צו העלפן אין ביזנעס, איז פשט אז פאר דיר איז שוין עסן און טרינקען נישט קיין שכר, דו מוזט שוין באקומען געלט! אז דו ביסט געווען גרייט מוותר צו זיין אויף דעם, איז שוין א צווייטע מעשה אינגאנצן.

**האט** דער דובנער מגיד אויסגעפירט דעם נמשל, בעצם א מענטש קען נישט בעטן קיין שכר אויף דער וועלט, פארוואס? ווייל דו באקומסט אויך שכר אויף דער וועלט, דו באקומסט צו עסן, באקומסט צו טרינקען, ב"ה דו האסט חתונה, האסט קינדער, האסט אלעס, איז וואס קומט דיר?

**וואס** איז אבער אז א מענטש ווייזט פארן רבוש"ע איך בין גרייט אוועקצוגעבן מיין לעבן פאר דיר, אָהָ, זאגט דער אייבערשטער אזא איינער וואו דיר קען איך שוין נישט צאלן מיט שכר אויף דער וועלט, ווייל דו ביסט גרייט אוועקצוגעבן די וועלט, ממילא קען איך דיר שוין מער נישט צאלן מיט דעם, איז בדין הוא שיטול שכרו, מוז אזא איינער באקומען אסאך אסאך מער שכר, מוז ער שוין באקומען עפעס מער, מוז ער באקומען עולם הבא פארדעם.

**איך** הייב אן מיט דעם ווייל איך וויל פשוט צוקומען צו די נקודה אז אונז ווייס מיר אז פנחס איז געווען גרייט אוועקצוגעבן זיין לעבן פשוטו כמשמעו, ער איז געווען גרייט צו שטארבן פארן אייבערשטן, אזוי ווי מ'ווערט באלד אביסל מסביר זיין, ער האט זיך אריינגעלייגט אין א מצב אז ער איז געווען גרייט אז מ'גייט אים הרג'ענען. לאמיר זיך פארשטעלן איין מינוט וואס דאס מיינט, ווען שבט שמעון האט געהערט פלוצלינג די נייעס אז זייער רבי, זייער כבוד קדושת אדמו"ר איז גע'הרג'עט געווארן, ס'איז געקומען פנחס און אים גע'הרג'עט, וועט מען זאגן יא ער האט געזינדיגט, וואס געזינדיגט? אונזער רבי האט געזינדיגט? דער פנחס האט געהאט עפעס א פערזענליכע נגיעה, מיר גייען אים הרג'ענען!

**פנחס** האט זיך געהעריג איינגעשטעלט דאס לעבן, ער איז געווען גרייט אויף מסירות נפש צו שטארבן למען שמו יתברך!

**דא** קומט אבער זייער א אינטערעסאנטע קשיא, און די שמועס וואס מיר האבן יעצט איז על פי משנתו פון רבי יענקע'לע גאלינסקי זצ"ל, זייער א טיפע דערהער אלס הקדמה צו אונזער נושא.

**די** קשיא איז אזוי, ס'איז דא א גמרא אין מס' סנהדרין, תנו רבנן ששה ניסים נעשו לו לפנחס, זעקס ניסים זענען געשעהן צו פנחס, די ערשטע נס איז 'שהיה לו לזמרי לפרוש ולא פירש', דאס מיינט אז ווען פנחס איז אריינגעקומען דארטן ביי זמרי מיט כזבי בת צור, וואלט געקענט רואיגערהייט זיין אז זמרי זאל נישט זינדיגן דעמאלס, און די נס איז געווען אז פנחס האט געטראפן זמרי יא זינדיגן, און אזוי האט ער אים געקענט הרג'ענען, זמרי וואלט זיך געקענט פורש זיין און ער האט זיך נישט פורש געווען, דאס איז געווען די נס.

**שטעלט** זיך א מורא'דיגע קשיא, איינער פארשטייט וואס די נס איז? הערסט די נס? די נס איז געשעהן אז פנחס האט געכאפט זמרי, ער האט אים געקענט הרג'ענען, פנחס האט דען געזוכט צו כאפן א איד כדי ער זאל אים קענען הרג'ענען? דאס איז געווען די ציל? די ציל איז געווען צו כאפן? [ב]. וואס איז פשט אז ביי פנחס

---

**היינו דאמרי אינשי**

**ב.** מ'זאגט נאך פון הייליגן בריסקער רב, ער האט אמאל געזאגט ווי אזוי ווייסט מען א חילוק צי איינער איז מוחה לשם שמים, אדער איינער וואס זוכט נאר צו מאכן טראבל א גאנצע צייט, ער זוכט נישט ממש לשם שמים?

איז געשעהן א נס אז פנחס האט געטראפן זמרי מיט כזבי זינדיגן?

**נאר** דער פשט איז אזוי, לאמיר זיך פארשטעלן וואס געשעהט ווען ער טרעפט אים ווען נישט זינדיגן. די גמרא פארציילט וויאזוי פנחס איז אריינגעקומען בכלל דארט אין שטוב, פנחס האט גענומען דעם האק, ער האט דאס באהאלטן אין ביזעם טאש, ער מאכט דאס צי, און ער גייט דארט צי צו די הויז פון די מדינית פון כזבי, אינדרויסן זענען געשטאנען אפאר גבאים פון שבט שמעון, דער רבי איז אינעווייניג, און פנחס קומט צי, און פנחס פרעגט אנטשולדיגט מ'קען דא אריינגיין? פרעגן זיי וואס זוכסטו דא? זאגט פנחס וואס הייסט וואס איך זוך? נאר דער נשיא זמרי מעג? און איך טאר נישט? איך מעג אויך.

**זאגן** זיי - וואס? דו ווילסט זינדיגן? יא! נוא קום אריין, און מ'לאזט אים אריין.

**נו,** לאמיר זיך פארשטעלן אויב פנחס קומט אריין און זמרי זינדיגט נישט, וואלט ער גארנישט געמעגט טוהן.

**נו** טרעפט זיך זמרי מיט פנחס, און זמרי פרעגט אים וואס טוסטו דא? א אייניקל פון אהרן הכהן... ענטפערט פנחס איך בין אדורכגעגאנגען, ס'איז געווען אביסל פארוואלקענט, איך האב מורא געהאט ס'וועט רעגענען בין איך אריינגעקומען דא. און וואס טוסטו דא זמרי דער נשיא פון שבט שמעון?

**יא,** איך אויך, איך זוך אפשר צו קויפן די נייע הויז דא... איך האב געמיינט אז ס'איז "פאר סעיל" בין איך געקומען זוכן די הויז.

**פארשטייט** זיך זמרי באגלייט ארויס פנחס, די טיר עפנט זיך אויף, און פנחס גייט ארויס צוזאמען מיט זמרי בן סלוא פון דעם מדינית אין שטוב, וואס פאר א סקאנדאל וואלט געשעהן יעצט אין כלל ישראל? פנחס בן אלעזר האט צוויי עדים וואס זאגן עדות, אונז האב מיר געהערט ווי פנחס זאגט ער וויל אריינגיין אין שטוב זינדיגן, און א גאנצע עולם זעהט ווי פנחס גייט ארויס פון דעם שטוב, וואס וואלט דארטן געשעהן? די בזיונות פאר פנחס וואלט ווען געווען נישט אויסצוהאלטן, מיט וואס פאר א פנים וואלט ער זיך געשטעלט שפעטער פאר משה רבינו און אהרן הכהן? ס'איז דא עדים, מ'ווייסט פון דעם, און די בזיונות וואלט געווען געפערליך.

**נו** די בזיונות וואס פנחס וואלט געהאט וואלט געווען נישט אויסצוהאלטן. אבער למעשה וואס איז די נס? די נס איז אז סך הכל האט פנחס זיך איינגעשטעלט דאס לעבן און איז געווען גרייט צו ווערן גע'הרג'עט.

### היינו דאמרי אינשי

**האט** דער בריסקער רב געזאגט: ס'איז געווען אמאל א פרוי וואס האט געהאט א מייזעלע אינדערהיים, די איז געווען זייער דערשראקן, איז זי געגאנגען זוכן א קאץ, און מ'האט גענומען א קעצל אריין אין שטוב, און די קעצל שמעקט ס'איז דא מייז, און די קאץ זוכט די מייז, און די פרוי, ביידע זוכן יעצט די מייז. האט דער בריסקער רב געזאגט אזוי, ביידע זוכן יעצט די מייז, די פרוי זוכט, און די קאץ זוכט, וואס איז די חילוק צווישן די פרוי מיט די קאץ, זייער פשוט, די פרוי טראכט דעמאלטס יהי רצון מלפניך ה' אלקינו ואלקי אבותינו אז מ'זאל כאפן די מייז, און ס'זאל נאר זיין איין מייז אין שטוב, און איינמאל מ'זאל צורייסן די מייז זאל מער נישט זיין קיין מייז, לא ישמע ולא יזכר ולא יפקד ולא יעלה זכרונינו לטובה מעתה ועד עולם אמן סלה. אבער די קאץ טראכט הלוואי טרעף איך דא יעדן טאג הונדערט מייז, נאך און נאך. האט דער בריסקער רב געזאגט דאס איז די חילוק צווישן איינער וואס מיינט לשם שמים און איינער וואס מיינט נישט, דער וואס מיינט לשם שמים זוכט נישט צו טרעפן, הלוואי זאל נישט זיין, הלוואי זאל די וועלט זיין ריין פון פראבלעמען פון טומאה. און די אנדערע זוכן יעדן טאג ס'זאל זיין עפעס פריש, ס'זאל זיין לעבעדיג.

**איין** מינוט, לאמיר טראכטן וואס איז יעצט דא געשעהן? דא האט געקענט געשעהן צוויי זאכן, ס'האט געקענט געשעהן אז קיינער זאל אים נישט ווען הרג'ענען, אבער ער זאל בלייבן פארשעמט א גאנצן לעבן. אדער אז ס'זאל נישט געשעהן, און טאקע דאס איז געווען די נס.

**ניין,** סך הכל איז פנחס ארויסגעגאנגען, און גאנץ שבט שמעון האט אים געוואלט הרג'ענען, און ס'איז געווען נאך א נס, ס'איז געווען א מגיפה אין שבט שמעון, און אזוי האט מען אינגאנצן פארגעסן פון פנחס, און מיט דעם האט זיך פנחס געראטעוועט.

**אבער** רבותי, שומו שמים וואס מ'האט יעצט דא גערעדט! מ'רופט דאס אן א נס אז פנחס האט נאר געדארפט ווערן גע'הרג'עט און נישט געדארפט ווערן פארשעמט. דא ליגט א מורא'דיגע טיפע נקודה, פשט איז אזוי, די גמרא איז אונז מסביר אז ווען פנחס דארף זיך ארומדרייען א גאנצע לעבן מיט א בזיון, וואלט אים געווען ערגער וואו די מצב וואס ער האט טאקע געהאט אז ער איז געווען אין א מצב וואס מ'האט אים געוואלט הרג'ענען.

**עד** היכן הדברים מגיעים וואס דאס מיינט הלבנת פנים! דאס איז נישט מער און נישט ווייניגער ערגער ווי די טויט! ס'לאזט זיך נישט זאגן, אבער ס'איז א מציאות!

**דער רבינו יונה** אין שערי תשובה זאגט א לשון -'כי הוא העון הגדול יותר מן המבקש נפש לספותה כי צער הכלימה מר ממות'.

**די** חטא פון פארשעמען א צווייטן איז ערגער ווי די טויט, למשל, דו האסט צוויי ברירות ארויסנעמען א גאן און שיסן א מענטש אדער אים פארשעמען, שיס אים בעסער וועסטו נישט טוהן אזא געפערליכע זאך ווי מבייש זיין א מענטש. לגבי וואס רעדט דאס דער רבינו יונה? איך וויל מ'זאל דאס פארשטיין אביסל, לאמיר דאס אביסל ממחיש זיין.

**א** מענטש האט געטוהן א שיינע שידוך, און חתונה געהאט בשעה טובה ומוצלחת, ס'גייט אריבער אפאר חדשים און פלוצלינג הייבט ער אריינטראכטן נע... איך מיין ס'איז געווען א מקח טעות[ג], ס'איז נישט דאס וואס איך האב געזוכט. ער ליגט אזוי אין בעט נאך א נאכט און נאך א נאכט, ער טראכט איך האב געמאכט א טעות, איך האב נישט געדארפט חתונה האבן מיט די פרוי. נו וואס טוט מען אז מ'וויל פטור ווערן פון א פרוי? איז דא צוויי אופנים, ס'איז דא איין אופן מ'גיט א גט, אבער געבן א גט איז א פראבלעם ווייל אויב אזוי בין איך א גרוש, איך זיך יעצט נישט די געוואלדיגע כבוד פון הייסן א גרוש, ס'וואלט מיר געווען געשמאקער ווען איך קען ווען זיין א אלמן, זיין א אלמן איז אביסל א געשמאקערע וועג ווי זיין א גרוש[ד].

◆ היינו דאמרי אינשי ◆

**ג.** וויאזוי זאגט איינער? מ'פרעגט איינעם זאג עפעס א גוט ווארט, זאגט ער נישט לאנג צוריק בין איך געווען ביי א גוט ווארט, און איך טראכט יעצט אריין איך מיין ס'איז געווען א איבעריגע ווארט...

**ד.** מען פארציילט א מעשה, ס'איז געווען אמאל איינער גלייך נאך די חתונה, ער האט געוואלט ווייזן פאר זיין רעבעצין וויפיל ער זארגט פאר איר. האט ער איר געזאגט: זאלסט וויסן איך בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג אויב ס'איז דיר נגזר געווארן עפעס א קאפ ווייטאג, זאל איך האב די קאפ ווייטאג. א טאג שפעטער זאגט ער: אויב ס'איז דיר נגזר א בויך ווייטאג, זאל איך האב די בויך ווייטאג. א טאג שפעטער זאגט ער: איך בעט דעם אייבערשטן אז אויב ס'איז נגזר אז דו זאלסט פאלן, זאל איך פאלן. איך זאג דיר איך בעט דעם אייבערשטן אויב ס'איז דיר נגזר איינער זאל דיר פארשעמען, זאל איך פארשעמט ווערן. צען יאר נאך די חתונה זאגט ער איר, יא אויב ס'איז דיר נגזר זאלסט ווערן א אלמנה, זאל איך ווערן דער אלמן...


די גליון פון 18 עמודים במילואו
וועט זיין אין די קונטרסים
"גליונות לש"ק",
די וואך, און די פאלגענדע וואכן בעז"ה
פאר סיי וועלכע הערה קענט איר שרייבן צו
gilyonosshabbos@gmail.com
בס"ד
גליונות לשבת קודש
דברי תורה - סיפורי צדיקים
פנחס